**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/26/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון "רויב פויגל טשעלענדזש" ביי סטעיט גרייטקייט טרעינירונג צענטער

***מער פון 100 פובליק זיכערהייט און מיליטער מאנשאפט מיטגלידער פון ניו יארק סטעיט און אנדערע טיילן פון דאס לאנד און פון אריבער די וועלט באטייליגן זיך אין פראוויזארישע באמבע טרענירונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט האט לעצטנס אפגעהאלטן די 2024 "רויב פויגל טשעלענדזש" (Raven's Challenge), די וועלט'ס גרעסטע יערליכע טרענירונג איבונגען פאר פובליק זיכערהייט באמבע איינהייטן און מיליטערישע אויפרייס געווער נייטראליזאציע (explosive ordnance disposal, EOD) מאנשאפטן ביי די סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער (State Preparedness Training Center, SPTC) אין אריסקעני, ניו יארק. באמבע טעכניקער און מיליטערישע עקספערטן קומענדיג פון פארשידענע פלעצער ארום ניו יארק סטעיט, דאס לאנד און די וועלט – ארייננרעכענענדיג דויטשלאנד, פוילן, אוקראינע און קאנאדע – האבן זיך באטייליגט אין די איבונגען און אריבער טרענירונג אויף אפרופונג טאקטיקן פאר פראוויזארישע באמבעס.

"עס איז אונז א פארגעניגן צו זיין די סטעיט צו ארייננעמען פובליק זיכערהייט און מיליטער מאנשאפטן צו פארשטערקערן זייערע עמערדזשענסי גרייטקייט סקילס און פארשטערקערן די קשר צווישן סטעיט עמערדזשענסי מאנשאפטן און די ארום די וועלט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק סטעיט האט טייל פון די בעסטע טרענירונג איינריכטונגען, און די איבונגען וועלן זיכער מאכן אז אונזערע ערשטע הילף מאנשאפטן קענען זיך אפרופן עפעקטיווערהייט צו יעדע סיטואציע און באשיצן די פובליקום."

דורכאויס די וואך-לאנגע איבונגען, זענען מאנשאפטן אריבער טרענירונגען באזירט אויף מצבים לויט די דראאונגען וואס זענען דא היינטיגע טעג און לויט שפיאנאזש אינפארמאציע, ארבעטנדיג אויף סקילס און מעגליכקייטן ווי אינפארמאציע אויסטויש, מאנשאפט צוזאמשטעלונג און ארבעט אין א רעאליסטישע אטמאספערע. פילע אנדערע חלקים פון די סטעיט און לאנד, און טייל ארגאניזאציעס פון ארום די וועלט האבן געהאט פארטרעטער ביי די הײ-יאריגע איבונגען, ארייננרעכענענדיג:

- אלעגעני קאונטי, פענסילוועניע, פאליציי דעפארטמענט
- באַטלער קאונטי, אָוהייאָו, שעריף'ס אפיס
- סיטי אָוו ערי פענסילוועניע, פאליציי דעפארטמענט
- ערי קאונטי, ניו יארק, שעריף'ס אפיס
- ערי קאונטי, פענסילוועניע, שעריף'ס אפיס
- דויטש פעדעראלע פאליציי
- מעסעטשוסעטס סטעיט פאליציי

- מאנראו קאונטי, ניו דזשערסי, שעריף'ס אפיס
- ניו העיווען, קאנעטיקוט, פאליציי דעפּארטמענט
- ניו דזשערסי סטעיט פאליציי
- ניו יארק סטעיט פאליציי
- אָנאָנדאַגאַ קאונטי שעריף'ס אפיס
- פּיטסבורג, פענסילוועניע, פאליציי דעפּארטמענט
- פוילן EOD
- סיטי אָוו ראטשעסטער פאליציי דעפּארטמענט
- סיטי אָוו סירעקיוּס פאליציי דעפּארטמענט
- טאראנטא, קאנאדע, פאליציי
- פארטלענד, מעין, פאליציי HDU
- אוקראינישע EOD
- פאראייניגטע שטאטן קאפיטאל פאליציי
- פאראייניגטע שטאטן פארטיידיגונג דעפּארטמענט
- וואטערלוּ, קאנאדע, ראיאנישע פאליציי סערוויסעס

די רויב פויגל טשעלענדזש ווערט פינאנצירט דורך די פאראייניגטע שטאטן ארמיי און קאארדינירט דורך די פעדעראלע ביורא פון אלקאהאל, טאבאקא, הייסע וואפן און אויפרייס מאטעריאל ( Bureau of Alcohol, Tobacco, Firearms and Explosives, ATF) און שותפות'דיגע אגענטורן אריינרעכענענדיג די ארמיי, היימלאנד זיכערהייט דעפּארטמענט, פעדעראלע ביורא אָוו אינוועסטיגעישען און סטעיט און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן. די ATF האט אויך דורכגעפירט די רויב פויגל טשעלענדזש איבונגען דאס יאר אין וואשינגטאן, ווירדזשיניע, יוּטא און קענטאָקי. דאס איז די פיפטע מאל וואס ניו יארק סטעיט האט אפגעהאלטן די מולטי-אגענטור איבונגען ביי די SPTC.

זינט 2006 האט די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) פארטיילט 29.6 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע היימלאנד זיכערהייט פינאנצירונג צו שטיצן די 12 לאקאלע FBI-אנערקענטע באמבע איינהייטן אין ניו יארק סטעיט. די פינאנצירונג, צוזאמגעפארט מיט עפעקטיווע טרענירונג איבונגען ווי די רויב פויגל טשעלענדזש, העלפט אנגרייטן די מאנשאפטן זיך צו אפרופן צו די דראאונגען וואס שטייען איבער ניו יארק און האלטן זיך אין איין טויש.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט האלט אויף פון די בעסטע ערשטע הילף מאנשאפט טרענירונג צענטערן אין די וועלט, און עס איז אונז א פארגעניגן צו אפהאלטן די פרעסטיזשפולע רויב פויגל טשעלענדזש דאס יאר. צוזאמברענגען עמערדזשענסי אפרופונג מאנשאפטן פון ארום דאס לאנד און ארום די וועלט פאר די סארט טרענירונג קען העלפן אריינברענגען די בעסטע טאקטיקן און אנטוויקלען שותפות'ן וואס קענען ברענגען א גרויסע בענעפיט ווען א קריזיס סיטואציע געשעהט."

**ATF NY ספעציעלער אגענט אויפן פליכט, ברייען מילער, האט געזאגט,** "די טרענירונג ברייטערט אויס אונזערע לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע שותפות'ן וואס האלטן די פובליקום זיכער ווען אגענטורן רופן זיך אפ צו אנטוויקלנדע דראאונגען וואס פארמישן אויפרייס מאטעריאל. מיר זענען איוסערגעוועגטליך שטאלץ מיט אונזער שותפות מיט די NYS DHSES, און מיר באגרוסן די געלעגנהייט זיך צו טרענירן צווישן פראפעסיאנאלן אין אן ערשט-קלאסיגע טרענירונג איינריכטונג. די נאענטע צוזאמענארבעט צווישן די ארגאניזאציעס זאגט עדות איבער די מומחיות'שאפט און פראפעסיאנאלקייט פון אלע פארמישטע."

**איבער די סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער**
ניו יארק סטעיט איז די היים פאר איינע פון די בעסטע עמערדזשענסי אפרופונג טרענירונג איינריכטונגען אין דאס לאנד — די סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער (State Preparedness Training Center, SPTC) אין אריסקעני. זיך געפונענדיג אויף 1,100 אקער לאנד, אפפערט די SPTC א ברייטע סעריע פון רעאליסטישע טרענירונג זאלן, א געשווינדע וואסער און פארפלייצונג טרענירונג (Swift Water and Flood Training) זאל, א 45,000 סקווער פיסיגע CityScape קאמפלעקס און אן איינריכטונג וואס שפילט אויס א סיטואציע פון שטאטישע זוכריי און רעטונג (Urban Search and Rescue, USAR). אנגעהויבן פון לעקציעס און אפהאנדלונגען אין די קלאסצימער, אריבער סקיל אנטוויקלונג אקטיוויטעטן, ביז אינטענסיווע טרענירונגען באזירט אויף עכטע מצבים — אפפערט די SPTC פאר סטעיט, לאקאלע און פעדעראלע אגענטורן א ברייטע רייע פון געלעגנהייטן פאר לעבעדיג-אויסגעשפילטע עמערדזשענסי ערשטע הילף טרענירונג.

**איבער די סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערזשענסי סערוויסעס**
די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס שטעלט צו פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו, זיך ערהוילן פון און פארמינערן קאטאסטראפעס און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook, פאַלאָוט אונז אויף Twitter אדער Instagram, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן